[illegible] איצט [illegible], טיילווייז דורך דער ביכער־ביוראָ, און זיין [illegible] פּרעמיעס צו „יידיש”.

די פאַרשיידענע פאַרזוכן צו קאָאָרדינירן די שול־טעטיקייט האָבן זיך נאָך ביז איצט נישט איינגעגעבן. עס איז אָבער געשאַפן געוואָרן אַ פרייַנטלעכער קאָנטאַקט. די פאַראייניקטע שול־אויסשטעלונג און דער אַלגעמיינער שול־סימפּאָזיום פון די מיטלשול־תלמידים האָבן געשאַפן אַ גינסטיקן באָדן.

דער זשורנאַל „יידיש” האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין זייער נישט קיין גינסטיקער צייט, און כאָטש דער באַשלוס פונעם צווייטן צוזאַמענפאָר איז

## שלום אַש האָט שוין ווידער גערעדט

(שלום פון זייט 9)

און קלאָגנדיק, האָבן זיי זיך דערווייל פאַרזאָרגט מיט אַ הרחבה׳דיק יידיש לעבן, וואָס זאָל קלעקן פאַר זייער דור, פאַר זייער ליטעראַטור און פאַר אונז אַליין איז געבליבן די חורבה — די ירושה פון זייער נבואת, וואָס איז ענדלעך מיט מזל מקוים געוואָרן.

יאָ, מיינע ליבע נביאים, איר האָט געטראָפן. מיר גייען אונטער.

ווייסט דאָס דער באַרימטער שריפטשטעלער, אַז בעת מען האָט אים גע־בוטט פאַר דעם איינ־אייניציק גרויסן, האָט מען דערווייל געבוטט אונזער אונטערגאַנג, האָט מען שוין אָנגעהויבן צו פאַרטאַטשעווען די ענגלישע פיידושעס. און אַז ער ווייסט עס, האָט ער ווען עס איז געזאָגט, וועט ער עס ווען עס איז זאָגן?

און זאָלן מיר אפשר פאַלן צו די פיס דעם יידישן פאָלק און זיך בעטן רחמים:

— פליז, לאָזט נישט אונטערגיין די יידישע ליטעראַטור! ראַטעוועט אַן אומגליקלעכע שפּראַך, אַ יתומה׳לע נעבעך! האָט רחמנות און שענקט אַ נדבה׳לע, קויפט אַ יידיש בוך!

זאָלן דאָס טאָן די פאָלקס־שרייבער, וואָס האָבן אַזאַ טייערן צוטריט צום פאָלק, זאָלן זיי זיך צערייסן דעם פעלץ פאַר דער „דעפּרעשאָן” פון יידישן בוך.

די נישט־באַריטטע און נישט־פאָלקיסטישע שרייבער טוען נאָך איצט די זעלבע „גלענצנדע” ביזנעס ווי פריער. מיין חבר איקס האָט היינטיקס יאָר אויך פאַרקויפט צוועלף ביכער, און דאָס איז בלויז מיט איין בוך ווייניקער, ווי מיט פינף יאָר צוריק, אין די צייטן פון פּראָספּעריטי.